נומער 46

ע ק ז ע ק י ו ט י ו ו  א ר ד ע ר

**דעקלערנדיג א דיזעסטער עמערדזשענסי אין ניו יארק סטעיט**

**אזוי וי**, אויף פעברואר 14, 2025, און נאכפאלגנדיג דערנאך, איז א שווערע שטורעם סיסטעם ערווארטעט צו שאפן געפארפולע אומשטענדן, שטעלנדיג א דראענדע געפאר פאר פובליק טראנספארטאציע, יוטיליטי סערוויס, פובליק געזונט, און פובליק זיכערהייט סיסטעמען לענגאויס די סטעיט;

**אזוי וי**, די שטורעם איז ערווארטעט צו אנברענגען באדייטנדע שנייען, אייז, שטארקע ווינטן און פרירנדע טעמפעראטורן וועלכע קענען פירן צו שאסיי אפשפארונגען, שטערונגען צו פארן,ברייט-פארשפרייטע עלעקטריציטעט קורצשלוסן און שאדנס צו פובליק און פריוואטע פארמעגנס, שטעלנדיג א געפאר צו די געזונטהייט און זיכערהייט פון די פובליקום;

**אזוי וי**, די סטעיט האט מיטגעמאכט א סעריע פון ווינטער שטורעמס לענגאויס די לעצטע פאר וואכן פירנדיג צו ווייטערדיגע זאלץ סופליי פראבלעמען דורכאויס די סטעיט, וועלכע וועלן פארשווערן און פארערגערן שארונג און אפרוימונג באמיאונגען שאפנדיג געפארפולע אומשטענדן אויף סטעיט און לאקאלע גאסן;

**יעצט, דערפאר, טו איך, KATHY HOCHUL (קעטי האקול)**, גאווערנער פון ניו יארק סטעיט, מיט די אויטאריטעט געגעבן צו מיר דורך דער קאנסטיטוציע פון ניו יארק סטעיט און טייל 28 פון ארטיקל 2-B פון דער עקזעקיוטיוו געזעץ, דערמיט אנערקענען אז עס איז דא א באלדיגע געפאר פון א קאטאסטראפע צו וועלכע די באטראפענע לאקאלע רעגירונגען קענען זיך נישט אפרופן ווי עס נויטיגט זיך. דעריבער דערקלער איך דערמיט א סטעיט דיזעסטער עמערדזשענסי עפעקטיוו פעברואר 14, 2025,לענגאויס די סטעיט. די עקזעקיוטיוו ארדער וועט זיין אין קראפט ביז מערץ 16, 2025;

**ווייטער**, לויט סעקשען 29 פון ארטיקל 2-B פון די עקזעקיוטיוו געזעץ, טוה איך דירעקטירן די איינפירונג פון די סטעיט ברייט-אריינעמנדע עמערדזשמענט מענידזשמענט פלאן און אטאריזיר, אין קראפט פעברואר 14, 2025, סטעיט אגענטורן ווי נויטיג, און די אמעריקאנע רויטע קרייץ, צו נעמען פאסיגע שריט צו באשיצן סטעיט אייגענטום און העלפן באטראפענע לאקאלע רעגירונגען און מענטשן זיך צו אפגעבן מיט און ערהוילן פון די אומגליק, און צוצושטעלן אזעלכע סארט אנדערע הילף ווי נויטיג צו באשוצן די פובליק געזונטהייט און זיכערהייט;

**אין צוגאב**, קומט די דעקלעראציע נאך די פאדערונגען פון 49 CFR 390.23(b) וואס ערלויבט צו מאכן אן אויסנאם צו 49 CFR טיילן 395.2 און 395.5. אזעלכע דערלייכטערונגען פון די פעדעראלע מאטאר טראגער שטונדן פון סערוויס רולס איז נוטיג צו פארזיכערן אז זאלץ ליפערונגען קענען געמאכט ווערן, מאנשאפטן קענען אפרוימען קריטישע געסער און פארשנעלערן די באוועגונג פון מאנשאפטן וועלכע דארפן צוריקברענגען יוטיליטיס אין ניו יארק סטעיט;

**ווייטער**, צוליב די אטאריטעט איבערגעגעבן צו מיר דורך סעקשען 29-a פון ארטיקל 2-B פון די עקזעקיוטיוו געזעץ צו צייטווייליג אפשטופן אדער טוישן סיי וועלכע סטעטיוט, לאקאלע געזעץ, פאראדענונג, באפעל, כלל, אדער רעגולאציע, אדער טיילן דערפון, אויב דאס איינהאלטן פון אזא סטעטיוט, לאקאלע געזעץ, פאראדענונג, באפעל, כלל, אדער רעגולאציע וועט אפהאלטן, שטערן אדער פארשטייטערן שריט וואס זענען נויטיג זיך צו ספראווען מיט די דיזעסטער עמערדזשענסי, טוה איך דערבײַ צייטווייליג אפשטופן אדער טוישן, פאר די צייט פון די דאטום פון די עקזעקיוטיוו ארדער ביז מערץ 16, 2025, די פאלגנדע געזעצן:

- טייל 97-G פון דעם סטעיט פינאנץ געזעץ (State Finance Law), אויף ווי ווייט עס איז נויטיג צו איינקויפן עסנווארג, סופלייס, סערוויסעס און עקוויפמענט צו באזארגן אדער צושטעלן פארשידענע סארטן צענטראליזירטע סערוויסעס צו ארויסהעלפן באטראפענע לאקאלע רעגירונגען, פריוואטע מענטשן און אנדערע קערפערשאפטן וואס זענען נישט פון די סטעיט רעגירונג ביים זיך אפרופן צו און זיך ערהוילן פון די דיזעסטער עמערדזשענסי;
- טייל 112 פון דעם סטעיט פינאנץ געזעץ, אויף אזוי ווייט וואס עס איז אין איינקלאנג מיט ארטיקל V, טייל I פון די סטעיט קאנסטיטוציע, און אויף ווי ווייט נויטיג צו צולייגן נאך ארבעט, לאקאציעס און צייט צו סטעיט קאנטראקטן;

- טייל 162-A פון די סטעיט פינאנץ געזעץ, צו ווי ווייט נויטיג צו קויפן שטיין זאלץ אדער סאדיום קלארייד סופליי;
- טייל 163 פון דער סטעיט פינאנץ געזעץ און ארטיקל 4-C פון דער עקאנאמישע אנטוויקלונג געזעץ, אויף אזוי ווייט צו ערמעגליכן דאס איינקויפן נויטיגע קאָמאָדיטיס, סערוויסעס, טעכנאלאגיע, און מאטעריאלן אן נאכפאלגן די געוועגטליכע מעלדונג און איינקויפונג פראצעדורן;
- ארטיקל 5-A פון דעם אלגעמיינער מוניציפאלער געזעץ (General Municipal Law), אויף ווי ווייט עס איז נויטיג צו איינקויפן סופלייס, סערוויסעס, ארייננרעכנענדיג קאנסטרוקציע, און עקוויפמענט אן דארפן נאכפאלגן די געוועגטליכע איינמעלדונג און איינקויפונג פראצעדורן;
- טייל 9 פון דעם פובליק געביידעס געזעץ (Public Buildings Law) און ארטיקל 4-C פון דעם עקאנאמישע אנטוויקלונג געזעץ, אויף ווי ווייט עס איז נויטיג צו אויטאריזירן די שליסונג פון עמערדזשענסי קאנטראקטן וואס שטייגן איבער איין מיליאן פינף הונדערט טויזענט דאלאר;
- טייל 38 (1), (2) און (3) פון די היי-וועי געזעץ (Highway Law) אויף ווי ווייט עס איז נויטיג צו אטאריזירן די שענקונג פון עמערדזשענסי קאנטראקטן; און
- טיילן 375, 385 און 401 פון די וויהעקעל און טראפיק געזעץ (Vehicle and Traffic Law) אויף ווי ווייט אויסנאמען פאר וויהעקעלס גילטיג רעגיסטרירט אין אנדערע יוריסדיקציעס פון וויהעקעל רעגיסטראציע, געצייג און מאס פאדערונגען זענען נויטיג צו ארויסהעלפן זיך צוצוגרייטן פאר און אפגעבן מיט די עמערדשענסי.

**<u>ווייטער</u>,** טוה איך דערביי צייטווייליג טוישן, פון די צייט פון די דאטום פון די עקזעקיוטיוו ארדער ביז מערץ 16, 2025, די פאלגענדע געזעצן:

טייל 24 פון דעם עקזעקיוטיוו געזעץ; טיילן 104 און 346 פון דעם הייוועי געזעץ; טיילן 1602, 1630, 1640, 1650 און 1660 פון דעם וויהיקל און טראפיק געזעץ; טייל 14(16) פון דעם טראנספארטאציע געזעץ; טיילן 602-6 און 1706-17 פון דעם ווילעדזש געזעץ; טייל 20(32) פון דעם אלגעמיינע סיטי געזעץ; טייל 91 פון צווייטע קלאס סיטיס געזעץ; און טייל 107.I פון טייטל 21 פון די ניו יארק קאָודס, רולס און רעגולאציעס, אויף ווי ווייט נויטיג צו גיבן פאר די גאווערנער די אויטאריטעט צו רעגולירן טראפיק און די באוועגונג פון קארן און טראקס אויף ראודס, הייוועיס און גאסן.

ג ע ג ע ב ן

אונטער מיין האנט און די געהיימע זיגל פון די סטעיט אין די סיטי פון אלבאני די 14'טע טאג פון פעברואר אין די יאר צוויי טויזענט פינף-און-צוואנציג.

דורך די גאווערנער

סעקרעטאר פאר די גאווערנער